## פֿונעם ציקל: ״מאַמעס״

### I.

### דער שענסטער פֿלי פֿון א מחנה טויבן

דער געמאָסטענער פֿלי פֿון אַ מחנה טויבן
איז נישט אַזוי האַרמאָניש און שיין,
איז נישט אַזוי נאָענט צום אויבן
ווי דער בליק פֿון מאַמעס, ווען זיי זיצן אַליין

און קוקן דורכן פֿענצטער אין דער נאַכטיקער ווייט
און האָרכן איבער זיך אַ גערויש ווי פֿון פֿליגל
און דערקענען די שטימען: איינס לאַכט און איינס שרייט,
און איינס וויל דווקא אַרויספֿאַלן פֿון וויגל.

אַזוי ווייך דער דרויסן, און זיי קאָנען נישט פֿאַרשטיין
ווי זייער הויזגעזינד אין זיך פֿונאַנדערגעפֿלויגן;
און כאָטש זיי זיצן אין דער נאַכט ביים פֿענצטער אַליין
וויינען און לאַכן די קינדער ביי זיי אין די אויגן.

און זיי וייסן: גוט און גערעכט איז כביכול און גרויס,
ער איז די שיף אויף די וואָלקנס און דער דופֿט אין די גראָזן,
און די וואָס זענען פֿון זייערע לענדן אַרויס
זענען אויך זיינע און ער וועט נישט פֿאַרלאָזן.

אין די אַלטע הערצער איז אַ גאָרטן פֿון גלויבן,
אַז זייערע טעכטער און זין וואַקסן ערגעץ אין גליק.
און דער שענסטער פֿלי פֿון אַ מחנה טריבן
איז נישט אַזוי האַרמאָניש ווי זייער בליק.

### II.

### אַ יונגע מאַמע זינגט

טיף אונטערן וויגעלע
ביי חיימל צופֿיסן

שטייט אַ גאָלדן ציגעלע,
פֿון וואַנען זאָלן מענטשן וויסן ?

און אַז מען ווייסט נישט איז דאָך גוט,
וועט מען נישט פֿאָרן האַנדלען,
דאָס באַהאַלטנסטע איז בלוט
און טייערער פֿון מאַנדלען.

אונטער חיימלס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדן קריגעלע,
קיינער ווייסט גאָרנישט דערפֿון
אַז איך האָב אַ רייכן זון.

און אַז מען ווייסט נישט איז דאָך גוט,
יעדער אוצר איז געהיים.
ווען אין הימל צעבליט זיך דער סוד פֿון בלוט
וויל די אָפֿענע זון שוין אונטערגיין.

## III.
## צווייטע מאַמע זינגט

איז שווער. איז שפּעט. און אַלע שלאָפֿן.
אַ באַלויכטענער פֿענצטער לויפֿט נאָך דעם ווינט.
דער, וואָס האָט זי געליבט, איז אַנטלאָפֿן
ווי באַלויכטענער פֿענצטער לויפֿט נאָך דעם ווינט.

ער איז הייס געווען, און זיינע נעכט
האָבן זי שוואַרץ געמאַכט ווי קויל.
ווער איז שולדיק און ווער איז גערעכט ?
אַם שענסטן איז איר טעכטערלס מויל.

דאָס צימער דריקט אויף איר ווי מעטאַל.
זיין בילד קלינגט דאָ צווישן די ווענט.
זייער חתונה האָט געהאַט אַן אָרעמן באַל.
אָבער די נאַכט האָט געהאַט ווייך־בלאָע הענט.

ווי שטעכיק רעגנדיק דאָס לעבן צערינט.
שפּעט איז. שווער איז. און אַלע שלאָפֿן.

אַ באַלויכטן פֿענצטער לויפֿט נאָך דעם ווינט.
נאָר איר טעכטערל האַלט ס׳מיילכעלע אָפֿן.

## IV.

## דריטע מאַמע זינגט

דאָס רייכע יאָר איז נאָך ווייט.
און מיין זון איז איצט אַזוי קליין.
ער ליגט נאָך דערווײלע און שרייט
און האָט נאָך נישט קיין ציין.

ווייט איז דאָס רייכע יאָר,
און דורך אַלע טויערן
קריכן אויס פֿאַר הונגער די האָר.
און די שטערן טרויערן.

דאָס רייכע יאָר איז נאָך ווייט,
נאָך איז ערד נישט מיט זומער באַפֿאַרבט,
ווינטערדיק לאַנג שלאָפֿט די צייט
און זעט אַ חלום: זי שטאַרבט.

און זעט פֿעלדער מיט קאָרן מיט רייכן.
נאָר זי באַקומט נישט קיין ביס;
און זעט ווייטע געשפּיגלטע טייכן,
נאָר זי פֿאַלט פֿון דאָרשט פֿון די פֿיס.

איז דאָס אַ חלום אַ בייזער,
און מיין קינד איז איצט אַזוי קליין.
ווער זאָל זיין דער דערלייזער?
מיין קינד האָט נאָך נישט קיין ציין:

ווייט הענגט די קרוין פֿון דעם טאָג,
ווען זיין טאַט וועט זיין בענטשונג דער מאַמען,
און די וועלט איז אַ שטיינערנער בלאָק
וואָס קרישלט זיך ביי ברעגעס פֿון ימען, —

איר גערעכטיקייט איז: רודער־שפּור
וואָס ווערט אין וואַסער פֿאַרלוירן,
און ווי זוימען אין שויס פֿון אַ הור

ווען איר גאווה גאָרנישט געבוירן.

וועלט קאָרטשעט זיך אין יולדות־וויי,
נאָר די קימפּעטאָרין וועט נישט דערפֿרייען.
די טעג פֿאַלן אַראָפּ ווי שניי
און באַגראָבן דעם מענטש אונטער שנייען.

דער ווינטער ציט אויס זיך אַלץ מער,
און אַלץ שווערער קאָשמאַרנער דער שלאָף.
די קעלט שניידט זיך נענטער אַהער,
לאָמיך באַהיט און באַשיצט זיין פֿון שטראָף.

מיין קינדס אויגן! אַזוינע אויגן!
און ער שמעקט ווי עפּל אין סאָד.
ער האָט נאָך קנאַפּ פֿון דער ערד געזויגן,
פֿון שטראָף באַשירם מיך, גאָט!

איך וועל פֿעסט די פֿענסטער פֿאַרקלעפּן,
זאָל אין מיין שטוב נישט אַריין קיין פֿאַרקילונג;
מיין קינד טראָגט וואַרעמקייט, לעבן.
איך וועל זיין די מוטער פֿון פֿרילינג.

מיין זונס דריבנע גלידער,
ווי קליינע פֿייגל זינגען זיי,
זיינע ציין ריימען זיך ווי לידער,
ווען דיכטערהאַרץ לויפֿט דורך זיי.

ווי דער פֿרידן אין אַ וווּנדער־פֿאַרנאַכט,
גאָלדיקט שטיל זיך זיין האָר.
גאָטס האַנט איז שוין אויפֿגעמאַכט,
כאָטש ווייט איז צום רייכן יאָר.

כאָטש דער הימל קוקט טונקל און שלעכט,
כאָטש מענטשן זענען שטיקער געווייִן,
אָבער איך הער שוין דורך שטילקייט פֿון נעכט,
איך הער מיין קינד וואַקסן די ציין.

ער וועט גרויס זיין און שטאַרק זיין און קלוג זיין,
און ווי אַ זון־בלום אויפֿגיין מיט פֿרייד,
די פֿונקען פֿון זיין אויג וועלן גענוג זיין

## צו פֿאַרוואַרפֿן אַ ליכטיקע קייט

אַרום די וואָס שווייגן און ליידן דערשראָקן,
אָדער פֿאַרשעלטן דעם טאָג פֿון געבוירן,
אָדער וואַרפֿן, ווי מיסט, זיך פֿון שטאָקן
אָדער האָבן אין בלענד־שפּיל פֿאַרלוירן

די טריט פֿון דעם אייביקן וואַנדערער: —
דאָס בלוט, וואָס גייט שטאָלץ אינעם לייב,
און זיי לעקן די שפּיז, וואָס אַן אַנדערער
שטעכט אין זיי, זייער קינד, זייער ווייב.

מיין קינד וועט שטאַרק זיין און קלוג זיין און טיף.
דער שענסטער שטערן איז געפֿאַלן אויף מיין הויז,
כ׳האָב ניין חדשים געשריבן אַ בריוו,
איצט שיק איך אים אין דער וועלט אַרויס.

זאָלן אים לייענען אַלע וואָס פֿילן
טויערן אויף זייער געזיכט.
גאָט, גיב מיין זון דעם ווילן
פֿון אַ ריכטער ביים לעצטן געריכט.

----------------------------------------------------------

פֿאָרויס (וואַרשע)
2, נומ׳ 14 (16), יולי 8, **1938**, ז׳ 2.